בעזהשי"ת

# דגל מחנה יהודה

גליון מוגדל לשבת שירה

## מבאר תורתן והליכותיהם של רבוה"ק מסטרעטין זללה"ה

גליון קע"ה • שנה ה' • פרשת בשלח • שבת שירה • חודש שבט • תשע"ו לפ"ק

## אמרות טהורות
## מרבוה"ק מסטרעטין זללה"ה

**אז ישיר וגו' את השירה הזאת לד'** [בשם **הרה"ק רבי אברהם מקינעהניטש זללה"ה**] היינו שמקודם ענו ואמרו כולם לשם יחוד קב"ה וזה את השירה הזאת לד'.

כת"י קינעהניטש.

**אשירה לד' כי גאה גאה וגו'.**

**הרה"צ הקדוש ר' צבי הרשלי זללה"ה מזידיטשוב.** פעם אחת עלתה על מחשבתו הלא אני שפל ונבזה ואיך אוכל לומר שירות ותשבחות ותיכף חזר מהמחשבה הזאת ועלתה על מחשבתו הלא המלאך הגדול שבגדולים הוא כאפס וכאין כנגד שמו יתברך ואעפ"כ אומר שירה ע"כ גם אני אומר שירות ותשבחות ובזה [פירש **הרה"ק רבי אברהם מקינעהניטש זללה"ה**] יש לומר אשירה לד' אני אומר שירה לד' כי גאה גאה כאשר איתא בהתרגום ארי אתגאה על גוותניא הלא השי"ת גדול מכל המלאכים הגדולים ואעפ"כ הם אומרים שירה ע"כ גם אני אמר שירה.

כת"י קינעהניטש.

**זה אלי ואנוהו אלוהי אבי וארוממנהו.**

שמעתי **מאדמו"ר הקדוש** [**רבי יהודה צבי השני**] **מסטרעטין** (**שליט"א**) [**זללה"ה**] אהא דאמרו ז"ל (מכילתא טו,ג) ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל, לפי מה שאמרו ישעיה היה דומה לבן כרך שראה את המלך עכ"ז מדמה יותר ליחזקאל, יען דאיתא בזוה"ק דהשכינה לא נראתה בחו"ל רק ליחזקאל על המים. וע"כ שפיר שפרה לומר דהם ראו על הים יותר ממה שראה יחזקאל על הנהר. ושפ"י.

שו"ת הד"ר [כיזכוב]-קונטרס כרמי שלי.

## אמרות טהורות
## מכ"ק אדמו"ר מסטרעטין זללה"ה

**דבריו האחרונים שנאמרו שבוע ימים לפני הסתלקותו:**

**אז ישיר משה ובני ישראל וגו'** (טו', א'). איתא במדרש (שמו"ר כג ד) אז ישיר משה, הדא הוא דכתיב פיה פתחה בחכמה ותורת חסד על לשונה, מיום שברא הקב"ה את העולם ועד שעמדו ישראל על הים לא מצינו אדם שאמר שירה להקב"ה אלא ישראל, ברא אדם הראשון ולא אמר שירה, הציל אברהם מכבשן האש ומן המלכים ולא אמר שירה, וכן יצחק מן המאכלת ולא אמר שירה, וכן יעקב מן המלאך ומן עשו ומן אנשי שכם ולא אמר שירה, כיון שבאו ישראל לים ונקרע להם, מיד אמרו שירה לפני הקב"ה, שנאמר אז ישיר משה ובני ישראל, הוי אומר פיה פתחה בחכמה.

**וקשה** טובא, דאיתא במדרש (ויק"ר י ה) כיון שיצא קין, פגע בו אדם הראשון, אמר לו מה נעשה בדינך, אמר לו עשיתי תשובה ונתפשרתי, כיון ששמע אדם הראשון כך, התחיל טופח על פניו, אמר לו כל כך היא כחה של תשובה ולא הייתי יודע, באותה שעה אמר אדם הראשון מזמור שיר ליום השבת, הרי מפורש שאדם הראשון אמר שיר.

**וכן** מצינו שאברהם אבינו אמר שירה, דכתיב (תהלים פ"ט א'-ב') משכיל לאיתן האזרחי, חסדי ה' עולם אשירה לדר ודר אודיע אמונתך בפי, ואיתא בגמרא (ב"ב טו.) איתן האזרחי, זה אברהם, הרי שגם אברהם אמר שירה.

**ועל** כן נראה ששירה זו היתה לה מעלה מיוחדת מה שלא היו בשאר כל השירים, כי בדרך כלל אומרים שירה על נס של הצלת הגוף, אבל שירת הים אמרו בני ישראל גם על ההצלה הרוחנית שהיה להם, שזכו להתעלות ממ"ט שערי טומאה, להיות מראים באצבע ואומרים זה א'לי ואנוהו, וראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל, כדאיתא במכילתא (שירה ג). ושירה כזאת לא היה אצל אדם הראשון או אצל האבות הקדושים.

**ובזה** יובן דברי המדרש, הגם שהיה שירה, מכל מקום עד שעמדו בני ישראל על הים, לא היתה שירה כזאת שכוללת בקרבו השיר והשבח על ההצלה הגשמית והצלה רוחנית, והבן.

מתוך ספה"ק דברת שלום - סטרעטין
העומד לצאת לאור בקרוב בעזהשי"ת

### פרנס החודש

הגליון נתנדב במשך חודש זו ע"י משפחת כ"ץ הנכבדה שיחי'
לזכר ולעילוי נשמת זקינם הרב החסיד הישיש
מוה"ר ר' צבי בן מוה"ר ר' אברהם הכהן כ"ץ זצ"ל
שנפטר ביום כ"ב טבת תשע"ו לפ"ק

יהי זכרו ברוך ותהא נשמתו צרורה בצרור החיים ויהא מליץ יושר עבור כל יוצ"ח החשובים שיחי'.

ברכת מזל טוב חמה ולבבית
למעלת כבוד ידידנו הנכבד
מוה"ר ר' אלעזר אלי' מאשקאוויטש שליט"א ומשפחתו
מנהל ישיבה מסורת אבות - לעיקוואד יצ"ו
לרגל שמחת נישואי בנו בכורו החתן מורינו מאיר שיחי'
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת! יזכו לראות דורות
ישרים ומבורכים ולבנין עדי עד אכי"ר.

המערכת

גליון זה יוצא לאור לזכר ולעילוי נשמת
הרבנית הצדקנית מרת רבקה לאנגנער ע"ה
בת רביה"ק רבי ישראל מראהאטין זללה"ה
שמנוחתו כבוד בבראד
אשת רביה"ק רבי משה מסטרעטין זללה"ה
שמנוחתו כבוד בטאראנטא
נפטרה י"ד שבט תש"ג לפ"ק, ת.נ.צ.ב.ה.

# ענייני שירה ושבת שירה

**אמירת השירה**

יעדן טאג איז א מצוה צו זאגען שירה בכוונה ובשמחה, בטהרת הגוף והנפש. בגוף, ווי עס שטייט אין פסוק, "כל עצמותי תאמרנה", ובנפש, ווי עס שטייט אין פסוק "כל הנשמה תהלל" וגו'. **דער של"ה הק'** ברענגט דעם מדרש, וז"ל **"דמי שאומר שירה בשמחה רבה ומכוון כאילו הוא בעצמו יוצא ממצרים, ועובר הים והקב"ה מצילו, מוחלין לו כל עוונותיו"**.

**שבת שירה**

ספעציעל, איז מקובל פון צדיקים צו זיין א געהויבענער שבת, היות די קריאה איז מעורר דעם זמן, דעריבער שבת שירה קען מען האבן א שייכות צו דעם גרויסן התעוררות און התגלות וואס איז געווען ביים ים בשעת אידן האבן געזאגט שירה, שראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל בנבואה. **דער שפת אמת** זאגט אויפן פסוק "אז ישיר" אז יעדער איד האט א חלק בנפשו פון זאגן שירה פארן רבוש"ע, און דעמאלט בשעת'ן נס איז דאס נתעורר געווארן ביי יעדן איינציגן איד. אזוי אויך תמיד דארף מען פרובירן צו מאכן די ריכטיגע הכנה, מעורר צו זיין די נקודת השירה שבנפשו.

**הכנה לשבת שירה**

חסידים ואנשי מעשה זענען מקפיד דורכצולערנען פריער די פרשת שירה מיט רש"י ודרשת חז"ל, **דער תפארת שלמה** טייטשט "המתחיל במצוה", און מ'וויל שפירן א טעם אין די מצוה, אומרים לו "גמור", צו לערנען די לימודים וואס געהערן צו די מצוה.

**שירת הים**

מנהג ישראל בשבת שירה איז, נאך צו זאגן דעם בעל תפילה פסוק בפסוק. [ויש בכמה וכמה תפוצות ישראל מנהג זו לומר פסוק בפסוק שירת הים מדי יום ביומו כן נהוג בקארלין ובסטרעטין ובעוד מקומות רק יש חילוק ביניהם שיש מקומות שאומרים ביחד השירה ויש מקומות שהחזן אומר ואח"כ הקהל ויש להיפוך – קודם אומר הקהל ואח"כ החזן] בעצם, ווי אזוי משה רבינו און כלל ישראל האבן עס געזאגט נאכן אריבערגיין דעם ים, זענען פאראן חילוקי דיעות צווישן די תנאים (סוטה ל:) ר' עקיבא האלט, אז משה רבינו ע"ה האט אליין געזאגט די גאנצע שירה, נאר נאך יעדע פאר ווערטער האט ער מפסיק געווען און אידן האבן נאכגעזאגט די ווערטער "אשירה לד'" און אזוי האבן זיי כסדר איבער גע'חזר'ט די דאזיגע ווערטער. רבי אלעזר בנו של ר' יוסי הגלילי האלט, אז נאך יעדע פאר ווערטער האבן די אידן נאכגעזאגט וואס משה רבינו האט פאראויס געזאגט. (כעין ווי מיר פירן זיך נאכצוזאגן פסוק בפסוק). ר' נחמי' האלט, אז משה רבינו האט נאר אנגעהויבן צו זאגן, און גלייך האבן אלע אידן אינאיינעם ברוח הקודש געזאגט די זעלבע שירה ווי משה.

**ונאמר לפניו שירה חדשה**

ביים אנהויב פון די שירה, אז "ישיר" וועלכע איז א לשון עתיד, ברענגט רש"י אז דאס איז א רמז אויף די שירה וועלכע אידן וועלן זאגן לעתיד לבא, בביאת גואל צדק. אין זוה"ק שטייט, **אז ווער עס זאגט שירה בשמחה בעולם הזה, איז זוכה לאומרה לעתיד לבא, בב"א.**

**תבשיל חטים**

**טייל פירן זיך צו מאכן ספעציעל לכבוד שבת שירה אזא סארט קאשע קוגעל.** דער מקור דערפון שטייט אין ב"ח (הל' ר"ח) וואו ער ברענגט דעם מנהג צו מאכן שבת שירה א תבשיל פון ווייץ. **דער ליקוטי מהרי"ח** ברענגט א טעם, אלס זכר צו "מן" וואס איז געווען כגרעיני חטים.

**פרורין לעופות**

דער מגן אברהם (בסימן שכ"ד) ברענגט, **עס איז דא וואס פירן זיך שבת שירה צו ווארפן עסן פאר די פייגלעך**, און פירט אויס אבער, עס איז נישט אויסגעהאלטן להלכה, ווייל שבת טאר מען נישט געבן צו עסן פאר בעלי חיים שאין מזונותן עליך, וואס געהערן נישט צום מענטש זעלבסט און זענען נישט אויף זיין אויפזוכט, משום טרחה יתירה, פונדעסטוועגן ברענגען טייל פוסקים בשם דעם תוספות שבת, וואס איז מצדיק דעם מנהג לדינא, **אז וויבאלד עס איז דא א הייליגער טעם צו דעם מנהג, פאר דעם וואס די עופות האבן אויך געזאגט שירה ביים ים**, דעריבער ווערט עס גערעכנט לגבי דעם שבת כאילו מזונותן עליך.

נאך א טעם צו דעם מנהג ווערט געברענגט בשם די צוויי גרויסע תלמידי רבי ר' אלימלך זי"ע החוזה מלובלין און ר"ר מענדל מרימינוב זי"ע, אז עס איז מקובל מפי קדושי עליון אז בשעת משה רבינו ע"ה האט באפוילן פאר כלל ישראל נישט ארויסצוגיין קלייבן מן אום שבת, דקדשו במן, ווייל שבת קודש וועט נישט פאלן קיין מן, זענען געגאנגען די רשעים דתן און אבירם שבת ביינאכט און האבן אויסגעשפרייט מן, כאילו ח"ו עס איז געפאלן מן אום שבת. אבער צופרי זענען געקומען די פייגלעך און האבן אלעס אויפגעגעסן. דעריבער גיט מען זיי צו עסן אלס שכר, אין די וואך פון פרשת המן.

### פרנסה

**דער ישמח ישראל** [**אלכסנדר**] שרייבט, אז דייקא וויבאלד א גאנץ יאר זענען די פייגלעך נישט מזונותן עליך, דעריבער איז אן ענין שבת שירה מקיים זיין דעם מנהג, טאקע אין די וואך וואס מ'לייענט פרשת המן, דורך דעם מעורר צו זיין אין הימל אז אפילו אויב ח"ו מיר זענען נישט בתכלית השלימות, וועט אונז דער רבש"ע אויך שיקן פרנסה בנחת ובהרחבה, אכי"ר.

### קריעת ים סוף בזמנינו

**הרה"ק ר"ר איציק'ל פון פשעווארסק זי"ע**, פלעגט דערציילן, אז ער האט געהערט פון זיין באבע, וועלכע איז געווען אן אייניקעל פון **הרה"ק הרבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע**, אז דער ר"ר אלימלך האט אמאל צוזאמען גענומען אלע זיינע אייניקלעך ארום זיך, (צווישען זיי אויך זיין באבע) און – האלטענדיג א גלאז אין די האנט – האט זיך דער הייליגער צדיק אנגערופען: **את אזוי האט דער אויבערשטער געשפאלטען דעם ים.** דערביי האט דער צדיק ארויף געלייגט זיין האנט איבער'ן גלאז, און דאס וואסער וואס האט זיך געפונען אין גלאז, איז געשפאלטען געווארען! האלב וואסער איז געגאנגען אויף איין זייט גלאז, און דאס זעלבע מיט די אנדערע העלפט וואסער. (הרה"ק ר' איציקל זי"ע פלעגט צוגעבן, אז ער געדענקט נישט וואס זיין באבע האט אים געזאגט, ווען דאס האט פאסירט, "שבת שירה", אדער "שביעי של פסח".)

### "שיער" נאס געווארען"

אין ספר **"דרכי הישר והטוב"** ווערט געברענגט וואס דער צדיק **הרה"ק ר' צבי הירש מליסקא זי"ע** האט דערציילט, אז דער צדיק **הגה"ק הרבי ר' שמעלקא מניקולשבורג זי"ע** פלעגט קיינמאל זיך נישט ארײנלייגען אין א בעט שלאפען, נאר איז שטענדיג געשלאפען אויף זיין בענקעל. איינמאל איז זיין חבר **הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע** געווען ביי אים, און מיט פארשידענע קונצען גע'פועל'ט ביי אים אז ער זאל זיך יא ארײנלייגען אין בעט און אזוי איז ער דורכגעשלאפען די גאנצע נאכט. צופרי ווען ער איז אויף געשטאנען, האט ער געשפירט אן אויסטערלישע קלארקייט אין מח, אז ווען ער האט געזאגט די שירה, האט ער געשפירט ווי ער גייט ממש אין וואסער, אזש אז ער האט זיך אויפגעהויבען זיינע קליידער, אז זיי זאלען נישט נאס ווערען, און דערנאך האט ער געטייטשט דעם פסוק, **ובני ישראל הלכו ביבשה**, אידן קענען שפירען גייענדיג אויף די טרוקעניש, **בתוך הים**, ווי גלייך זיי וואלטן געגאנגען אין וואסער. ר"ר הירשל'ע ליסקער האט אויסגעפירט, "אבער מיט דעם אלעם האט ער זיך קיינמאל ווייטער נישט געוואלט לייגען אין בעט".

### געשפאלטען דעם ים

ענליכעס ווערט דערציילט אז **הרה"ק הרבי ר' שמעלקא מניקולשבורג זי"ע** איז אמאל געפארען מיט תלמידו **הגה"ק רבי משה לייב מסאסוב זי"ע** אויף א וויכטיגע שליחות, מבטל צו זיין א געוויסע גזירה רעה ר"ל, וואס האט דאן געהאנגען אויף די אידן. [די גזירה איז געווען מער אויף רבי ר' שמעלקא – וואס די משכילים האבען איהם פאר'מסר'ט צו די מלכות אז ער טויג נישט צו זיין די רב אין זיין שטאט ניקולשבורג והגלילות] אונטערוועגנס, זענען זיי אנקומענדיג צום טייך דונא, איז דער טייך געווען טיילווייז געפרוירען, [עס איז געווען טיף אין די ווינטער] און ס'איז אוממעגליך געווען דורכצופארען מיט א שיף, צוליב די גרויסע שטיקער אייז וואס זענען דארט ארומגעשווימען, וואס דאס אליין קען איינשטעלען די לעבען פון אלע מיט פארער. די רבי ר' שמעלקא האט דאן געבעטען פון א שיף קאפיטאן א גרויסען שיסעל אין וועלכען זיי ביידע האבען זיך ארײנגעזעצט, די רבי ר' שמעלקא זי"ע האט אנגעהויבען צו זאגען די "שירה", און אזוי זענען זיי – צו יעדענ'ס וואונדער – דורכגעשווימען דעם גאנצען ים.

ווען די מענטשען פון די אנדערע זייט טייך – וואס דארט איז געוועהן די עיר הבירה – די רעזידענס פונעם קעניג, – האבען דאס דערזען, זענען זיי געלאפען דאס דערציילען פאר'ן קעניג, וועלכער האט זיי באלד געלאזט רופען, און זעלבסטפארשטענדליך אז די גזירה רעה איז אפגערופען געווארען, און די שונאי ישראל האבן געהאט זייער וויסטע מפלה.

## בהירה נעימה
## מרבותינו הקדושים מפרשי התורה זיע"א

**ויהי בשלח וגו׳** צריך לדעת למה אמר לשון צער במקום גילה ורנן, עוד למה כינה הענין בפרעה ולא באדון המעשים כי הוא המוציא אותנו מארץ מצרים אכן הכתוב יגיד הסיבה שגרמה כל הצער שנצטערו ישראל ברדיפת פרעה ואמר תדע סיבת הדבר לצד שלא הוציא ה׳ את ישראל אלא לרצונו של פרעה, כפה אותו עד שנתרצה ושלחם, ואמר להם קומו צאו, מזה חשב מחשבות לרדוף אחריהם, כאשר אבאר בעזרת השם, ובזה גרם צער לישראל, וגם לעצמו גרם איבוד לו ולאומתו, וצא ולמד כי הקב"ה יקפיד על כליון הנבראים כמובא בדבריהם ז"ל (מגילה י:) מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה, וכנגד כל זה אמר הכתוב ויהי לשון צער, ומי גרם כל צער זה בשלח פרעה, שאם היה ה׳ מוציאם שלא לרצונו, הגם שלא היה חפץ לשלחם, לא היה לו מקום לרדוף, אלא עינו הטעתו שהיה הדבר תלוי בו, ולזה חשב לשוב לקחתם, ואומר ולא נחם בוא"ו בתחלת הודעת ענין, יכוין תוספת על הגדת צער הקודם, הרמוז בתיבת ויהי, כנזכר.

אור החיים הקדוש.

**א׳שר י׳עשה ל׳כם ה׳יום.** ראשי תיבות **אלי"ה** כמו שאמרו ז"ל (עיין שמות רבה כ"ג, י"ד) על פסוק (שיר השירים א׳, ט׳) לססתי ברכבי פרעה, שפרעה היה רוכב על סוס זכר ואליהו נדמה לו סוס נקבה והיה אומר לו מפני מה אתמול לא היית הולך ועכשיו אתה רץ והולך, והוא אומר לו ראה מה בים, זהו רמה בים.

שפתי כהן על התורה.

**ותקח מרים הנביאה וגו׳.** עכשיו נעשית נביאה כי במעמד זה זכו גם הנשים לראות פני השכינה עד שאמרו כולם זה אלי, כארז"ל (מכילתא בשלח פר׳ ג) ראתה שפחה על הים כו׳, לכך נאמר ותצאן כל הנשים אחריה, כי הנבואה התחילה במרים וכל הנשים יצאו בעקבותיה במעמד זה כי כולם זכו לנבואה, ולפי שאין השכינה שורה כ"א מתוך שמחה והנשים יש להם צער לידה ע"כ לקחה את התוף בידה ותצאן כל הנשים אחריה בתופים ובמחולות כדי שתחול עליהם רוח הקודש מתוך שמחה.

כלי יקר.

## שפתי קדושים
## מספרי הבעל שם טוב זיע"א ותלמידיו

**בשם אבי הקדוש [רבי שמואל מסלונים] ז"ל**, איתא במדרש איך היתה הצפרדע נכנסת לתוך בתיהם של גדולים העשוים משיש, אלא שהיה אומר לשיש עשה לי מקום שאעלה ואעשה רצון בוראי והיה נבקע השיש. כמו כן צריך לומר איש יהודי ללבו האטום, תתבקע כדי לעשות רצון בוראי שאינו גורע מהצפרדע, שהשיש עשה רצונה.

בית אברהם - סלונים.

**זה א׳לי ואנוהו א׳לה׳י אבי וארממנהו.** בלובלין זרח אורו של **רבינו הקדוש הרבי מלובלין זי"ע ועכי"א**, ונסע מלמד אחד מגוריי ללובלין אמר לו הרבי הק׳ זי"ע בעירך נמצא ניצוץ קודש תראה לחקור אחריו. ולהביאהו לידי, המלמד לא מצא מי שיגדל בעיניו כי **הרמ"מ מקאצק זי"ע** שהי׳ גר בגוריי הי׳ אז בחור. והחזיקוהו לאיש מבוהל ח"ו, היה מבזה עצמו וזולתו, גם לא ראוהו לומד כלל, והתיישב עצמו המלמד, לישון בביהמ"ד. אולי ימצא שם אחד מהעיר שיוכל לשום עיניו עליו. ויהי אחר חצות לילה ראה כי הבחור הקדוש הרר"מ זי"ע בא יחידי ולמד גמרא בהתלהבות גדול על רגל אחת. עד שהיה נראה כי עליו כוון הרבי, אך היה חושב אולי מקרה היא, עד שראה כמה לילות אז החל המלמד לעשות שיעול ופיהק (היסן געניצען) אז הרגיש אותו בחור כי אחר נמצא שם, והלך למקום התנור, בהכאת ידיו, וכדומה כאיש מבוהל ח"ו, ועשה עצמו כעפר ואפר כדי שלא ישער המלמד. עד שאמר לו המלמד ידעתי שכל שגעונך הוא רק כדי לרמות האדם. אבל אותי לא תרמה. כי הרבי הקדוש מלובלין זי"ע צוה עלי להביאך אליו, ומיד נסע לובלינה. אביו של הרבי מקאצק הרב ליבוש ז"ל בא אחריו וצעק עליו למה הוא מניח מנהג אבותיו. השיב כתיב מקודם זה אלי ואנוהו ואח"כ אלהי אבי וארוממנהו.

שיח שרפי קודש.

## הילולא דצדיקיא
## הרה"ק רבי שמואל מסלונים זיע"א
### י"ט שבט תרע"ו לפ"ק - מאה שנה להסתלקותו

**הגאון רבי משה קליערס זצ"ל אבד"ק טבריא** האָט אַלס יונגערמאַן אין צפת זיך מתחבר געווען צו קאַרלינער חסידים. נאָך זיין חתונה האָט ער געוואָלט פאָרן קיין סטאָלין, האָט אים זיין שווער רבי יהודא לייב געבעטן אַז היות סטאָלין איז נאָנט צו סלונים, זאָל ער אַריינגיין געבן דעם גריס פאַר'ן רבי'ן **די דברי שמואל מסלונים זי"ע** און ער האָט מיט אים אויך מיטגעשיקט אַ בריוו צום דברי שמואל.

ווען רבי משה קליערס איז אָנגעקומען דאָס ערשטע מאָל אין סלונים, האָט אים הרה"ק דער דברי שמואל געבעטן ער זאָל בלייבן ביז נאָך שבת און ער איז דאָרט געבליבן ווילן אויף שבת. די הייליגע עבודה פון די סלונימער רבי איז אַזוי געפעלן רבי משה קליערס, עס האָט אים באַנומען ביים האַרץ ביז ער האָט אָפּגעמאַכט אַז ער בלייבט דאָרט, און האָט שוין מער נישט געוואָלט ממשיך זיין צו פאָרן קיין סטאָלין.

אינמיטן די וואָך האָט אים די דברי שמואל געפרעגט פאַרוואָס ער פאָרט נישט ווייטער? האָט ער געענטפערט אַז עס איז אים גוט דאָ. האָט אים די רבי געזאָגט: פונדעסטוועגן, וויבאַלד דיין ערשטע מחשבה איז געווען צו פאָרן קיין סטאָלין, פאָר אַהין, נאָכדעם ווען ווילסטו וואו דו פלאַנסט צו בלייבן.

האָט רבי משה קליערס געזאָגט: כ'האָב געטאָן וואָס דער דברי שמואל האָט מיר געהייסן און כ'בין געפאָרן קיין סטאָלין אויף אַ שבת. און כאָטש וואָס כ'האָב גערזען אויפ'ן רבי'ן **הרה"ק רבי ישראל מסטאלין זי"ע** "אַז שבת האָט זיין פנים געברענט אַ פייער", אָבער מיין פלאַץ איז געבליבן אין סלונים.

הרה"ח ר׳ יודא לייב סלאנים האָט דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון הרה"ג ר׳ יוסף דוב קאַסטעל ז"ל, אַז דער דברי שמואל זי"ע פלעגט פאָרן צו שטעט פון מתנגדים אויב ער האָט דאָרט געהאַט אפילו נאָר צוויי אָדער דריי חסידים. און הרב קאַסטעל פלעגט אים באַגלייטן.

האָט הרב קאַסטעל דערציילט אַז ווען דער דברי שמואל איז אַמאָל אָנגעקומען אין אַזאַ שטאָט פול מיט מתנגדים, האָבן זיך די קינדער צוזאַמגעזאַמלט און מתלוצץ געווען פון אים, אים מבזה געווען און נאָכגעשפעט, אָבער דער דברי שמואל איז ווייטער געגאַנגען אויף דער גאַס מיט אַ שמייכל ווי אַ חתן צו דער חופה.

אַזוי האָט זיך די זאַך אָפּגעשפּילט ביים פירן טיש פרייטאָג צו נאַכטס און אויך ביי די מיטאָג סעודה שבת צופרי. ביי שלש סעודות האָבן שוין די פּאָר חסידים געבעטן דער רבי זאָל נישט פירן טיש, ווייל עס וועט זיין טונקל און דעמאָלט וועלן מער מענטשן אים מבזה זיין.

האָט זיי הרה"ק רבי שמואל מסלונים געזאָגט: "ס'איז אַ מחיה. יעדער האָט דאָך אויף זיך פּעקלעך ממילא, אָדער ווערט מען אָרים, אָדער קראַנק אָדער די ווייב ווערט קראַנק ח"ו, אָבער בזיונות קאָסט נישט קיין געלט און מען ווערט נישט קראַנק. און מ'קומט אָפּ נאָך מער ווי דורך די אַנדערע זאַכן".

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

פרנס השבוע - נתנדב לזכר ולע"נ ר׳ יהודה צבי בן הגה"צ רבי מרדכי לאנגנער ע"ה, היות שלא הניח אחריו זש"ק נא ללמוד לע"נ, נפטר ביום י"ב שבט שנת תשע"ג לפ"ק, ת.נ.צ.ב.ה.

הגליון יו"ל לרפואתו השלימה והמהירה של נכד רביה"ק רבי משה מסטרעטין זללה"ה ישראל שלום בן פרומעט לרפו"ש בתוך שאר חולי ישראל אכי"ר.

גליון זה יוצא לאור לזכר ולעילוי נשמת מרת צפורה נחמה ב"ר יעקב מאיר באק ז"ל נכדת רביה"ק מהרי"א מסטרעטין נ.י. זללה"ה נפטרה ח׳ מר חשון תשע"ו לפ"ק, ת.נ.צ.ב.ה.

גליון זה יוצא לאור לזכר ולעילוי נשמת הגה"צ רבי שלמה לאנגנער זצ"ל רב דקהל נערייאב ואנשי קיעב בן רביה"ק רבי משה מסטרעטין זללה"ה נפטר י"ח שבט תשל"ג לפ"ק, ת.נ.צ.ב.ה.

לקיים בנו חכמי ישראל לבריאות הגוף והנפש בשלימות בתשח"י בב"א: מרן רבי מרדכי בן מרגליא שליט"א, מרן רבי חי יצחק בן אסתר רבקה שליט"א, מרן רבי ישראל אברהם בן שיינא רחל שליט"א, מרן רבי מתתיהו חיים בן עטל שליט"א, מרן רבי יוחנן בן טושנע שליט"א, מרן רבי משה בן פריידא רבקה שליט"א.

| פרשת בשלח - יתרו | ש"ק - י"ג שבט | יום א׳ - י"ד | יום ב׳ - ט"ו | יום ג׳ - ט"ז | יום ד׳ - י"ז | יום ה׳ - י"ח | עש"ק - י"ט |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| יומא דהילולא דצדיקיא | רבי מרדכי מלעכעוויטש זצ"ל | רבי יעקב יהושע פאלק - הפני יהושע זצ"ל<br>רבי יחיאל מאלכסנדר זצ"ל | רבי שלמה יהושע דוד מראדזימין זצ"ל | רבי יעקב מזאבלטוב זצ"ל<br>רבי שלום מרדכי שוואדראן מבערזאן זצ"ל<br>רבי אברהם שלמה מלעלוב זצ"ל | רבי משה מקיטוב זצ"ל<br>הסבא קדישא רבי יחזקאל מקוזמיר זצ"ל<br>המקובל רבי חיים פאלאג׳י זצ"ל | רבי משה מלודמיר זצ"ל<br>רבי בנימין ביינוש פינקל זצ"ל ר"י מיר | רבי שמואל מסלונים זצ"ל<br>רבי אלימלך מנחם מענדל מסטריקוב זצ"ל<br>רבי שמעון גרינפעלד מסעמיהאלי זצ"ל |

כל הזכויות שמורות למכון מאמר משה על שמו ולזכרו הקוה"ט של כ"ק מרן רביה"ק רבי משה מסטרעטין זללה"ה



להערות וכן לקבל הגליון באי-מייל: degelmacheneyehuda@gmail.com